NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04235

A MAYSELE VEGN A FELD-GANDZ, A LERKHE UN A SOSLIK.

Chane Levin

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-04235-8

9780657042356T.PS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

כאנע לעווין

א מײַסעלע וועגן א פעלד־גאנדז, א לערכע און א סוסליק

קינדער־פארלאג באם צ.ק. ל.ק.י.פ.או.

רעדאַקטאָר —
טעכרעדאַקטאָר —
קאָרעקטאָר —

[illegible] Головліту № 6171. Замовл. № 207. 1 друк. арк. + $^{1}/_{2}$ арк. вклейок. 0,7 облік. вид. арк. Тир. 3000. Формат паперу 72 x 94 $^{1}/_{32}$. Здано до виробництва 9-VI 37 р. Підписано до друку 7-VII 37 р. Чергове видання № 197.

Друкарня ім. Леніна, Одеса, Пушкінська, 18.

אננא וארעצקי
פּריוואַט - ביבליאטעק

כאנע לעווינ

א מעשהלע
וועגנ א פעלד־גאנדז,
א לערכע אונ א סוסליק

צענטראלע יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו

קינדער־פארלאג באם צ.ק. ל.ק.י.ס.או.
1937



איכ בינ די ערשטע, איכ בינ די ערשטע,
איכ בינ די ערשטע געקומענ
וועקנ די זאנגענ, וועקנ די גראָזנ,
וועקנ די פעלדישע בלומענ.
טראליא־ליא, — ווי פריש איז די לופט,
טראליא־ליא־ליא, די זונ גייט שוינ אופ.
אינ גאָלד איז דאָס פעלד,
אונ דער הימל איז בלוי,
אונ ס'שלינגט פונ די גראָזנ
די פעלד־גאנדז דעמ טוי.

אזוי האָט געזונגענ די לערכע אונ געדרייט זיכ הויכ־הויכ אונטערנ הימל.

איר לידעלע איז געווען לויטער עמעס. דער הימל איז טאקע געווען בלוי, די זאנגען־גאָלדענע, און די פעלד־גאנדז איז אוועק צום עק פעלד, אהין, ווו עס זײַנען געוואקסן בערעזעס, גראָז און עס איז געשטאַנען אַן אלטער הילצערנער בּרונעם. דער ברונעם און די בערעזעס האָבן פֿארשטעלט די פעלד־גאנדז פֿון אלע זײַטן, און זי האָט זיך רויִק געטרונקען דעם פֿרישן פֿרימאָרגיקן טוי. די לערכע האָט עס דערזען פֿון איר בלויער הייך און וועגן דעם גלײַך צוגעטראַכט א לידעלע, ווײַל געזונגען האָט זי נאָר וועגן דעם, וואָס זי האָט געזען מיט אירע אויגן, די לערכע! און געזען האָט זי אלץ, זי איז דאָך געפֿלויגן הויך־הויך אונטערן סאמע הימל, נעבן דער זון קימאַט, און אלץ, וואָס זי האָט געזען, האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין די זונען־שטראלן, און דעריבער האָט אלץ אויסגעזען נאָך שענער, ווי אינדערעמעסן.

בערעזעלער ווײַסינקע,
וואקסט אין דער הויך!
הילצערנער בּרונעם,
גוט־מאָרגן דיר אויך!
ס'זאָל דיר דײַן וואסער
קעסיידער זײַן קאלט;

זאָלסט אַלעמאָל טיפ זײַנ
אונ קײנמאָל ניט אַלט.
ס'זאָלנ זילבערנע עמער
דיר קלונגענ א ליד:
טרי־לי־לי־לי,
טרי־לי־לי־לי.

די שפּיצנ פונ די בערעזעס האָבנ זיכ פאַרויטלט פאַר פרײד, װײַל די לערכע האָט זײ דערמאָנט אינ איר ליד. זײ זײַנענ דאָכ געװאַקסנ אינ עק פעלד, די בערעזעס, דעריבער איז זײ גאָרניט אײַנגעפאַלנ, אַז עמעצער באַמערקט זײ. דעמ עמעס גערעדט, האָבנ זײ נאָכ געװאָלט שלאָפנ, נאָר זײ האָבנ זיכ קײנ קאָפּ ניט באַלײדיקט דערופ, װאָס די לערכע האָט זײ אופגעװעקט.

דער אַלטער הילצערנער ברונעמ האָט זיכ פלוצלינג דערמאָנט, אַז ער האָט נעכטנ אומיסנע פאַרשלונגענ אַנ עמער, װאָס עס האָט געבראַכט צו אימ א קלײנ מײדעלע, אונ פאַר כאַראָטע האָט ער אזא זיפצ געטאָנ, אַז די קײט, אפ װעלכער מע הענגט די עמערס, האָט אלײנ פונ זיכ אָנגעהױבנ צו סקריפּענ.

אונ די זאַנגענ האָבנ אָנגעהױבנ די קעפּלעכ, די לערכע זאָל זענ, װי זײ בײגנ זיכ געפּאַקטע מיט קער־

נער, ווײַל אלעמענ איז דאָכ באוווסט, אז נאָר פוסטע זאנגענ פארײַסנ די קעפ אינדערהייכ.

— לערכע, טײַערע לערכע, זינג נעבנ אונדז; ביזוואַ־נענ די פעלד־גאנדז וועט זיכ אומקערנ זינג נעבנ אונדז, — האָבנ שטיל גערוישט די זאנגענ.

— וואָס איז געשענ? — האָט די לערכע גלײַכ איבערגעריסנ איר זינגענ אונ געבליבנ הענגענ אינדער־לופטנ אפ די צעשפרייטע פליגעלעכ.



— מיר האָבנ מוירע, מיר האָבנ זייער מוירע; דער סוסליק וועט אונדז באפאלנ!

— ער האָט זייער שארפע ציינ, דער סוסליק, ער איז אזא גרויסער!

— ער טראָגט מיט זיכ צוויי זעק!

— אונ די פעלד־גאנדז איז אזוי ווײַט!

אזוי האָבנ גערוישט די זאנגענ פונ אלע זײַטנ.

די פעלד־גאנדז איז טאקע געווענ גאנצ ווײַט. זי האָט זיכ שוינ אָנגעטרונקענ מיט טוי אונ באשטימט אביסל צו שפאצירנ. קיינ הונט האָט מענ ניט געהערט, קיינ מענטשנ האָט מענ ניט געזענ אונ קיינ ווינט האָט ניט געבלאָזנ.

די פעלד־גאנדז האָט געשפאנט איבערנ פעלד לאנגזאמ אונ געלאסנ, ווי עס האָט געפאסט פאר

איר וווּקס, וואָג אונ די מאסע שיינע פעדערנ, אינ
וועלכע זי איז געווענ אויסגעפּוצט.

קוקנדיק אפ דער פעלד־גאנדז, וואָס שפּאנט אזוי פארטראכט אונ סטאטעטשנע, וואָלט קיינעמ גאָר ניט איינגעפאלנ, אז די גאנדז איז אזוי נערוועז אונ אומ־רויִק.

אָבער דער פעלד־ווינט האָט עס שוינ דאפקע יאָ געוווּסט, אונ געוווּסט אפילע, אז די פעלד־גאנדז האָט אימ שוידערלעכ פײַנט אונ האָט פאר אימ מוירע; געוווּסט אפילע, פאר וואָס זי האָט אימ פײַנט, ער איז דאָך ארײַנגעקראָכנ אינ יעדער שפּארונע. דער ווינט, אפילע אונטער די פעדערנ האָט ער זיכ פארקליבנ, אקוראט נעבנ פעלד־גאנדזס הארצ, אונ אונטערגעהערט ווענ וואָס עס קלאפּט; דאָך האָט ער זיכ יעדעס מאָל געמאכט טאמעוואטע, אונ איצטער אויכ, צוגעפלוינ אונ גלײַכ אָנגעהויבנ גלעטנ אירע פעדערנ אונ כאנפענענ זיכ:

— שיינע שוועסטער פעלד־גאנדז, וואָס זשע איר פארדײַגעט? — האָט ער זיכ צעשעפּטשעט. די גאנדז האָט ניט געענטפערט אונ האָט זיכ געלאָזט לויפנ. מער פונ אלעמענ אפ דער וועלט האָט זי פארטרויט אירע פיס אונ ווינציקער פונ אלעמענ — דעמ ווינטס שעפּטשענ. זי איז געלאָפנ אלצ גיכער אונ גיכער, כאָטש עס האָט גאָר ניט געפּאסט פאר איר וווּקס אונ וואָג.



— וואָס־זשע אנטלויפסט איר פונ מיר? — איז דער ווינט צוגעשטאנענ. א היפשע ווײַלע איז די גאנדז געלאָפנ שווײַגנדיק, נאָר אז דער ווינט איז אַלץ צוגעשטאנענ, האָט זי ניט אויסגעהאלטנ:

— ווײַל איר זײַט א פלוידער־זאק! — האָט זי אויסגעשאָסנ (זי איז דאָכ געווענ א נערוועזע, די גאנדז).

דער ווינט האָט א שפרונג געטאָנ, ווי פונ אנ אומדערווארטער באלײדיקונג.

— וואָס רעדט איר? — האָט ער געזאָגט — איכ הער עס צום ערשטנ מאָל! ער האָט אָנגעכאפּט פאר דער טשופּרינע די אומשולדיקע בערעזע אונ זי אזא צי געטאָנ צו זיכ, אז די בערעזע האָט זיכ אזש אײַנגעבויגנ.

— א פלוידער־זאק, געוויס א פלוידער־זאק, וואָרעמ ניט? ווער האָט מיר נעכטנ דערציילט, אז עס יאָגנ זיכ נאָכ מיר הינט אונ יעגערס, אונ באלד דערנאָכ זײַט איר אװעקגעלאָפנ פונ מיר צו די הינט אונ דערציילט זײ, ווו איכ געפינ זיכ! ווו וואָלט איכ איצט אָנגעשפּארט, ווענ ניט די זאנגענ? זײ האָבנ מיכ קוים אויסבאהאלטנ. א סוסליק גלויב איכ מער, ווי אײַכ — האָט די פעלד־גאנדז אויסגעשריגנ.

דאָס איז געווענ אומדערהערט. דער סוסליק איז דאָכ די סאמע נישטיקע באשעפעניש, האָבאָם ער

טראָגט א גרויִ טולופּל און א ווײַסע וועסט, ווי עפּעס גאָר א גרויסער באַלעבאָס אינ פעלד.

— אכ, ווי שלעכט איר פארשטײט מיכ! — האָט דער ווינט געשעפּטשעט. — ווער, ווער, נאָר די סוסליקעס זײַנען געוויס ניט מײַנ קאָמפּאַניע. — אונ דער ווינט האָט זיכ אָפּגעטראָגנ.

— לערכע, טײַערע לערכע, קום צו אונדז נעענטער, עפּשער ווײסטו דעמ סוסליק מיט דײַנ זינגענ פארטרײַבנ, — האָבנ אלע געבעטנ זיכ די זאנגענ.

— אָבער איכ קענ דאָכ אימ ניט, — האָט געענטפערט די לערכע אונ פונדערסטוועגנ זיכ אראָפּגעלאָזט אָפּ די זאנגענ אונ גלײַכ גענומענ נישטערנ, זוכנ, אָפּרײניקנ די זאנגענ פונ יעדנ מיקעלע אונ פליגעלע, וואָס האָבנ געקאָנט די קערנער נײשטעק פארשאפנ, אונ געזונגענ דערבײַ די סאמע פריי־לעכסטע לידלעכ, קעדײ די זאנגענ זאלנ בארויִקנ אונ צוליבנ אײַנגענעמ פארגעניגנ.

— אכ, ווי גוט, — האָבנ געשעפּטשעט די זאנגענ, — אכ, ווי ווויל דו זינגסט, טײַערע, טײַערע לערכע.

— נו, דאָס איז א געשמאקזאכ, יעדנפאלס, מיר געפעלט עס נישט! אונ מיר דאכט, אז עפּעס פאר־שטײ איכ יאָ אינ אזוינע זאכנ. א כוצפּע אזא מײַנ אײגענע פרוי אונ קינדער האָב איכ באוועצט אינ

א צווייטער דירע, ווײַל כ׳פארלײַד ניט קיין מינדסטן טומל, און דאָ קומט ווייסט עס ווער און טראַ־לעליקעט און טראַלעלייקעט,—האָט זיך פּלוצלינג דערהערט א קוויטש־קעלעכל.

פון אָנהייב האָט די לערכע אפילו ניט פארשטאַ־נען ווער עס רעדט. זי האָט דערזען א נאָרקעלע און נעבן נאָרקעלע א גרוי סטויביקל מיט א ווײַסינק פּאַ־סיקל אינדערמיט.

די זאנגען האָבן געוואָלט דערציילן דער לערכע, אז דאָס איז ער, דער סוסליק—זייער גרעסטער סוינע, נאָר פאר שרעק האָבן זיי פארגעסן, ווי אזוי מע רוישט, צוגעדריקט זיך איינער צום אנדערן און זיך שטיל געוויגט. אפילו די לערכע האָט ניט געהערט זייער שטים.

— ס׳א מאָדנע סטויביקל!—האָט די לערכע גע־טראכט.—אָבער גלײַך האָט זי דערזען, אז דאָס סטוי־ביקל איז גאָר ניט קיין סטויביקל, אז דאָס סטויביקל זיצט אף צוויי הינטערשטע פיסלעך און די צוויי פאָדער־שטע האָט ער פארלייגט אפן ווײַסן וועסטעלע, וואָס האָט ארויסגעשטעקט פון אונטער א גרוי סאמעטן רעקעלע, און קוקט אזוי ברוגעז און גרויסווירדיק, מיט צוויי בייזע אייגעלעך, אז די לערכע האָט זיך פארלאָרן,—א טאנץ געטאָן מיט ביידע פיסלעך מיט־

אמאָל, פאַר העפלעכקייט אָנגעבויגנ דאָס קעפּל און שוינ געוואָלט זיכ פאַרענטפערנ, נאָר דער סוסליק האָט א פייפ געטאָנ פאַר שרעק און איז נאָרקעלע פאַרשוואונדנ.

— אכ, ער פייפט אויס מיינ זינגענ, — האָט די לערכע א טראַכט געטאָנ, — ער וויל אפילע ניט ריידנ מיט מיר. — און זי האָט זיכ געווענדעט צום נאָרקעלע:

— איר זייט געוויס גערעכט, וואָס איר פייפט אויס מיינ זינגענ, נאָר איכ האָב אייכ ניט געוואָלט שטערנ, אפ מיינ וואָרט, איכ בינ פּאַשעט א לערכע, עפשער האָט איר געהערט, איכ מוז זינגענ — אנדערש קאָנ איכ ניט!

דער סוסליק האָט אינ לעבנ ניט געטראַכט, אז עמעצער קאָנ זיכ פאַר אים אנטשולדיקנ, ער האָט דאָכ געוווינט אונטער דער ערד, ער האָט דאָכ געגאַנוועט זאַנגענ און פונ דעם געלעבט. ער איז געווענ א פּאַכדנ, ער האָט געפּיפט נאָר פאַר שרעק, און דאָ שטייט א באַשעפעניש אפ צוויי פיס, מיט פעדערנ, מיט א הויכער שטימ און בעט בא אים, באַם סוסליק, אנטשולדיקונג. איז ער געוואָרנ אזוי פריילעכ און כוצפּעדיק, אז ער איז פונ נאָרקע ארויסגעשפּרונגענ, אויסגעצויגנ זיכ אפ די הינטערשטע פיסלעכ, קעדיי העכער אויסזענ, פאַרלייגט די פאָדערשטע לאַפּקעס אפנ ווייסנ וועסטל און זיכ צעקוויטשעט אפנ גאַנצנ פעלד:

— איר קאָנט ניט אנדערש? דארף מען קאָנען! עפּ־
שער האָט איר ניט ווער עס זאָל אײַך לערנען? בעט
מיך! — און ער האָט זיך אזוי אָנגעבלאָזן און גע־
גלאנצט מיט זײַן ווײַסן וועסטל, גלײַך טאקע א גרוי־
סער באַלעבאָס פון גאנצן פעלד.

— א דאנק, — האָט געזאָגט שטיל די לערכע, — איך
האָב זייער ליב זיך לערנען. איך לערן זיך זייער גערן
בא יעדערן. וואָס וועט איר מיך לערנען?

— פײַפן!

— און נאָך וואָס? פײַפן איז דאָך נאָר א פארגעניגן,
מיסטאמע, ווי זינגען, אשטייגער. איך זינג נאָר פאר
פארגעניגן! איז וואָס וועט איר מיך נאָך לערנען? זײַט
מוחל, וואָס איך בין אײַך מאטריח. — און די לערכע
האָט א טאנץ געטאָן מיט ביידע פיסלעך צוזאמען.

— פײַפן, — האָט שרעקלעך אופגערעגט איבערגעכאַ־
זערט דער סוסליק, — איך פײַף און, ווי איר זעט, איז
דאָס גאנץ גענוג. מײַן קעלערל איז פול מיט ווייץ און
קאָרן נאָך פון פאראַיאָרן אָן, און ווי נאָר מײַן ווײַב
און קינדערלעך וועלן זיך אופכאפּן, וועל איך זיך
נעמען צום יונגן ווייץ, ניט ווײַל עס פעלט מיר, נאָר
גלאט אזוי, זאָל זײַן איבעריקס.

דער ווינט, אָט דער וועלגער, וואָס האָט געהערט מיט
דער פעלד־גאנדז, איז צו דער באָרקע צוגעלאָפן און

א שעפּטשע געטאָן: — „אַ סאָד — די גאַנדז איז נאָענט“. דער סוסליק האָט ווידער אַ פּיַיפּ געטאָן און איז נע־לעם געוואָרן.

און אָט דעם פּיַיפּ האָט דער ווינט גלײַך דער פעלד־גאַנדז אָפּגעטראָגן.

די פעלד־גאַנדז האָט זיך געלאָזט צו די זאַנגען:

— האָ! דער סוסליק איז דאָ, האָ? האָ? געווען? — האָט זיך נאָכגעפרעגט די פעלד־גאַנדז און אַלע פּע־דערן האָבן זיך איר אויפגעשטעלט, און זי האָט באַקו־מען אַן אויסזען פון אַ גרויסן לופטבאַלאָן.

— איז דאָס דער סוסליק געווען? — האָט די לערכע פאַרחוּנדערט אַ פרעג געטאָן.

— דער סוסליק, דער סוסליק, — האָבן אָנגעהויבן ראַשן די זאַנגען הויך און בייז.

און איין זאַנג האָט זיך צעחיינט און אַזוי זיך צו־געבויגן צו דער ערד, אַז ער וואָלט זיך געוויס איבער־געבראָכן אָפּצווייען, ווען די אַרומיקע זאַנגען האַלטן אים ניט אונטער.

— אַך, פעלד־גאַנדז, איר זײַט דאָך אַליין אַ מו־טער, ווען איר מיך פאַרשטיין, — האָט געקלאָגט די זאַנג. — צען זין האָב איך געהאַט, אַלע — ווײַדענע, שטילינקע, גרינינקע, איז געקומען דער סוסליק מיט דער סוסליטשקע און האָבן אַלע צען זונעלעך־זאַנגעלעך

אופגעפרעסנ. און וואָס ניט דערפרעסנ — אינ די זעק אריַינגעשפּאַרט, און איכ האָב דאָס געמוזט צוקוקנ און ניט געקאָנט העלפנ.

— כ׳וייס, כ׳וייס, — האָט געענטפערט די גאנדז, — די זעק טראָגנ זיי שטענדיק אפ די באַקנ. אכ, איכ קאָנ גאָר רויִק וועגנ דעמ ניט רעדנ, איכ בינ זייער נערווועז. אנטשולדיקט מיר, איכ וועל זיכ אביסל דורכלויפנ, קעדיי צו באַרויִקנ זיכ, — האָט געזאָגט די גאנדז און האָט זיכ געלאָזט לויפנ איבערנ פעלד.

— איינ מינוטעלע, פעלד־גאנדז, כ׳וייס עפּעס, — האָט זיכ פריילעכ צעזינגענ די לערכע און זיכ געלאָזט נאָכ דער גאנדז. די גאנדז איז געלאָפנ מיט אירע לאנגע פיס און די לערכע איז איר נאָכגעפלויגנ.

ווי נאָר די פעלד־גאנדז און די לערכע זיַינענ אוועק, איז דער סוסליק באַלד ווידער פונ נאָרקע ארויסגעקראָכנ און די ציינדלעכ צו די זאנגענ אויסגעשטשירעט:

— א — א, קלאָגנ זיכ? — האָט ער געקוויטשעט. — ווארט אויס, איכ וועל איַיכ באַוויַיזנ, ווי צו קלאָגנ זיכ! באַלד רופ איכ ארויס מיַינ פרוי מיט אלע אכט קינדערלעכ מיַינע און אלע איַיערע קעפּ וועלנ מיר אָפּהריזענ.

— און אָט וועט איר ניט אָפּהריזענ, און אָט וועט

איר ניט אָפּהריזען! — האָט זיך דערהערט דער לערכעס קעלכל. זי האָט זיך געדרייט און געקוליעט ניט ווײַט פון די זאַנגען, און געזינגען אַזוי פריילעך, אַז די זאַנגען האָבן קיין קאָפּ מוירע ניט געהאַט. אַז דער סוסליק האָט דערזען, אַז די זאַנגען האָבן קיין מוירע ניט, האָט ער זיך שוידערלעך דערשראָקן און איז גיך צוגעלאָפן צו דער נאָרקע, וווּ עס האָבן געוווינט די סוסליטשקע מיט די קינדער. די סוסליטשקע איז גלײַך אַרויסגעלאָפן און אָנגעהויבן ריידן אַזוי גיך, אַז דער סוסליק האָט אַפילע קיין וואָרט ניט געקאָנט אַרײַנשטעלן וועגן דער לערכע און די זאַנגען.

— וואָס האָסטו פאַרגרייט, סוסליק, מאַן מײַנער, ווייץ צי קאָרן? איך וויל נאָר ווייץ, נאָר ווייץ, — האָט געקוויטשעט די סוסליטשקע, און זי האָט אים צאַרט צעקושט די בעקעלעך, אַקוראַט דאָרט, וווּ עס זײַנען געווען ציגענייט די זעק אַף באַהאַלטן קאָרן און ווייץ.

— און אָט וועט איר ניט פאַרגרייטן, און אָט וועט איר ניט פאַרגרייטן! — האָט די לערכע געטאַנצט.

— ווער וועט אונדז ניט לאָזן? עפּשער דו? — האָט די סוסליטשקע אַ פרעג געטאָן מיט פאַראַכטונג.

— ניין, ניט איך, — האָט געענטפערט די לערכע, איך ווייס שוין ווער, נאָר איך וועל ניט זאָגן, און וואָס

די פעלד־גאנדז וועט אײַך אופרעסן, וועל איך אײַך ניט אויסזאָגן, און וואָס די מענטשן וועלן אײַך מיט הייסער וואסער באגיסן און מיט גלאָז פארשיטן, וועל איך אײַך אויך ניט אויסזאָגן, כאָטש איך ווייס עס זייער גוט.

פאר גרויס פרייד האָט זיך די לערכע געדרייט אינדערלופטן און ניט באמערקט, ווי זי זאָגט אלץ אויס.

— פאר וואָס, פאר וואָס טשעפעט מען זיך צו אונדז, — האָט די סוסליטשקע זיך צעקוויטשעט, שוין ניט אזוי גאָדלדיק ווי פריִער, — דערפאר, וואָס מיר ארבעטן ניט, דערפאר, וואָס מיר זייען ניט און דערפאר, וואָס מיר קומען אפ גאָלע גרייטן און מיט פארטיקע זעק. — נו, און אז מיר ארבעטן ניט, דארפן מיר ניט עסן? און טאָמער ווײַנען מיר אזוינע איידעלע, אז מיר קאָנען עסן נאָר גרייטס. זעסט, וואָס פאר א וועסטעלעך מיר טראָגן, ס'ארא טולופעלעך מיר האָבן, פאר עפעס קומט אונדז דאָס מיסטאמע, — האָט זיך די סוסליטשקע געקאָכט.

און אז די סוסליטשקע האָט זיך אָפגעשטעלט, איבערצוכאפן דעם אָטעם, האָט דער סוסליק פלוצים א פאטש געטאָן מיט די לאפקעס און אפ דער לערכע אנגעפאלן:

— און דו, דו, וואָס טוסטו אזוינס, פאר וואָס באגיסט מען דיך ניט מיט הייסער וואסער? און טאָמער פליסטו

ניט אוועק ווינטער, גיט מענ דיר אפילע קערנער. זאָג, אז נייִנ, עפּשער? אונדז האָט דער ווינט אלצ דערציילט.

די לערכע איז גלייַכ אנשוויגנ געוואָרנ. דער סוסליק האָט געזאָגט אנ עמעס. דעמ פאָריקנ ווינטער האָט די לערכע א פליגעלע צעבראָכנ, אונ קינדער האָבנ זי אינ שטוב אריינגענומענ, געהאָדעוועט, געהיילט אונ אינ פרילינג אפ דער פרייַ געלאָזט. די לערכע האָט טאקע ניט געוווּסט, פאר וואָס איר קומט דאָס. אונ דאָס אָנצוהערעניש פונ דעמ סוסליק האָט איר געטראָפנ גלייַכ אינ הארצנ אריינ.

— יאָ, איר זייַט גערעכט — האָט די לערכע פאר-שעמט אנגערקענט — כ'ווייס טאקע ניט, פאר וואָס עס קומט מיר אזא גליק!

— ווייסט ניט פאר וואָס? ביסט באשיידנ אָנ א מאָס! וויפל ווערעמ אונ פליגנ האָסטו פארניכטעט! וויפל מיקנ געפּאטערט! — האָט זיכ דערהערט א שטילע, נאָר שארפע שטימ. דאָס איז געווענ די פעלד-גאנדז, וועל-כע איז אלעמאָל געקומענ צודערצייַט, כאָטש קיינער האָט זי קיינמאָל ניט גערופנ.

— אָבער די פליגנ אונ די ווערעמ זייַנענ דאָכ אזוי-נע געשמאקע, קומט דענ פאר דעמ געצאָלטס? — האָט די לערכע פארשעמט אונ מיט וווּנדער געענטפערט.

— וואָדענ, פאר דעמ, וואָס מע טראָגט זעק אפ די

פארנאכט זײַנענ געקומענ יִנגלעכ. זײ האָבנ דער־
זענ די צוײ עקלעכ פונ די סוסליקעס אונ גלײַכ פאר־
שטאנענ:

— נו, די פעלד־גאנדז איז דאָ געוועענ, — האָבנ זײ
געזאָגט, אונ אפּ יעדנ פאל פארשאָטנ מיט גלאָז די
נאָרקע, ווו עס זײַנענ געלעגנ אכט יונגינקע סוסליקעס
אונ אפּ די באקנ אײנער דעם צווייטנ צוגעבײַט נײַע זעק,
קעדײ צו גאנווענענ יונגנ קאָרנ...

Х. ЛЕВІНА

КАЗКА ПРО ДРОФУ

ДИТВИДАВ ЦК ЛКСМУ